# LIVING TORAH

## פרשת ויחי

### בס"ד. משיחת י"ג תשרי ה'תשמ"א.

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

בשעת ס'רעדט זיך וועגן אפרים'ען זאָגט מען, אַז פאַרוואָס האָט מען אים אָנגערופן בשם "אפרים" – "ופרינו בארץ", אַן ענין וואָס דאָס איז אַ גדלות. וכלשון הכתוב אין ויחי, אַז "הוא יגדל ממנו".

משא"כ בהנוגע צו מנשה איז דאָס דערמאָנט, (אַז ס'איז דאָ) אַז מ'דאַרף פאַרגעסן. פאַרוואָס? – דערפאַר וואָס דאָס איז אַ דבר בלתי רצוי, אַז מצב בלתי רצוי, "נשני אלקים את כל עמלי".

וואָס דאָס איז דער חילוק ווי ס'קומט אַרויס בהנוגע צו הנהגה, אַז בשעת מ'נעמט-אָן די הנהגה פון "**ופרינו בארץ**", אין דעם גלות לפי ערך מצב פון יצחק'ן וואָס מ'זאָגט אים "גור בארץ הזאת", אַז אף על פי וואָס ער דאַרף זיין כל ימיו אין ארץ הקודש, אָבער אין דעם ארץ הקודש גופא איז ער אין אַ מעמד ומצב פון "גור", וואָס דאָס איז אַן ענין פון גלות,

איז דעמאָלט (איז געווען) בשעת מ'האָט (זיך געדאַרפט) געהאַט אויף זיך אַ קריגעריי פון רועי אבימלך – האָט מען דעמאָלט געזאָגט "ופרינו בארץ".

וואָס דאָס איז דער זעלבער שורש, וואָס דערנאָך אַז מ'איז געקומען אין גלות כפשוטו, אין חוץ-לארץ, וואָס "כל המלכיות נקראות על שם מצרים, אין מצרים – זאָגט מען "הפרני אלקים בארץ עניי".

וואָס דאָ דערמאָנט ער אויך "ארץ עניי", אַ דבר **בלתי-רצוי**, אָבער אין דעם נאָמען איז ניטאָ אויף דערויף קיין רמז; דער נאָמען איז מערניט ווי "אפרים" – "**הפרני** אלקים".

וואָס וואָס איז דאָס? אַז די הנהגה נאָך זייענדיק אין גלות [איז] אין אַן אופן פון "**הפרני**", אין אַן אופן פון "**ופרינו בארץ**",

וואָס אָט דעמאָלט, אויב ער האָט אין דערויף אַ מדידה והגבלה איז דאָס ניט די אמת'ער "הפרני" – ס'קען זיין מערער; ווען איז דער אמת'ער "הפרני" און ווען איז דער אמת'ער "ופרינו"? – בשעת ס'איז למעלה ממדידה והגבלה.

וואָס דערפאַר זאָגט מען, אַז ניט אַז אפרים איז גרעסער פון **סתם** אַ מענטשן, אַ מנשה וועט אויך זיין "ידעתי בני ידעתי" אַז מנשה איז אויך אַ גדול, אָבער "הוא יגדל ממנו" – ער איז נאָך גרעסער פון **אַ גדול**, אפילו פון **אַ בכור**, אפילו פון זיין בכור.

ביז ווי דאָס איז דערנאָך אַרויס בפשטות, אַז דער דגל איז נקרא על שם אפרים, מיט כמה וכמה ענינים וואָס ער איז געווען דער ענין וואָס "מלכתחילה אַריבער" – "ופרינו בארץ", "הפרני אלקים בארץ עניי". **Ad kan**

דערנאָך איז דאָ די **צווייטע** הנהגה, וואָס לכאורה איז זי געבאָרן געוואָרן פריער, פונקט ווי מנשה איז געבאָרן געוואָרן פאַר אפרים, (כלשון הכתוב) כסיפור הכתוב, וואָס דעמאָלט איז די הנהגה פון "נשני אלקים את עמלי ואת בת אבי וכו'", אַז ס'איז דאָ אַן ענין (וואָס) [מיט] וועלכן מ'מאַטערט זיך און (מ'דאַרף פאַר)



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויחי

מ׳וויל פאַרגעסן אויף אים, און דער אויבערשטער העלפט און מ׳פאַרגעסט אויף אים און מ׳פירט דורך ווי אַ איד **דאַרף** דורכפירן ענינים,

אָבער בשעת מ׳פרעגט ביי אים וואָס איז דער נאָמען? – זאָגט ער: דער נאָמען איז (אַז מ׳דאַרף) אַן ענין וואָס מ׳דאַרף אויף אים פאַרגעסן.

וואָס דאָס איז, בכללות, די הנהגה ניט "**מלכתחילה אַריבער**", נאָר פּרואוון זיך **אַרונטער**, און דערנאָך, אויב ס׳גייט ניט – וועט מען זוכן און וואַרטן ביז ס׳וואַרט געבאָרן אַ תנועה בנפשו ער זאָל זיך פירן ווי אפרים.

און דערנאָך איז דאָ די הנהגה פון אפרים.

און אָט דאָס, בשעת מ׳איז מסיים די ברכת משה ליוסף, לאחרי ההקדמה אַז "מבורכת ה׳ ארצו", אָט דאָס איז דער חלק וואָס ער איז מער מבורך פון כל שאר חלקי השבטים בארץ?? – זאָגט מען, אַז דאָס איז אַ הנהגה און דאָס איז פאַרבונדן און דאָס איז שייך צו "רבבות אפרים" און צו "אלפי מנשה",

און אין דערויף גופא – אַז מ׳זאָל וויסן זיין, אַז אפרים ברענגט דעם ענין פון "**רבבה**" און מנשה ברענגט דעם ענין פון "**אלפים**".

וואָס נוסף אויף דעם אָפּטייטש פון "רבבה" אַז דאָס איז צען מאָל אַזויפיל וויפל "אלף" – איז דאָך אויך ידוע דער פירוש בכמה מקומות, אַז "רבבה" איז דער טייטש אַ ריבוי: דאָס איז נאָך מערער ווי צען מאָל אַזויפיל.

וואָס ריבוי, כאמור, איז וויפל מ׳זאָל ניט זאָגן, זאָגט מען אַ מדידה והגבלה, אפילו אַז ער זאָגט אַ מספר הכי גדול; זאָגט מען דעם לשון אַז דאָס איז **ריבוי**: וואָס פאַר אַ מספר מ׳וועט ניט אָנכאַפּן – איז דאָס מערער דערפון.

וואָס דאָס איז דאָך אויך בהנוגע צו יעדער אידן און צו אַלע אידן, זאָגט מען אַז ס׳איז דאָ אויף דערויף "כחול הים", "ככוכבי השמים", וואָס זיי זיינען דאָך ביידע נבראים, במילא איז בפועל איז דאָס אַן ענין וואָס האָט מספר. ס׳איז טאַקע אַ **מספר עצום**, אף על פי כן זאָגט דאָך די גמרא, אַז רבן גמליאל האָט געזאָגט, אַז ער קען משער זיין וויפל טיפּות ס׳איז דאָ בים.

וואָס דאָס איז דאָך אַ ריבוי עצם; אף על פי כן, מ׳זאָגט "משער" – אַ "שיעור" [מלשון לשער] איז ניט שייך זאָגן ער זאָל זאָגן "אַ סך"; ער זאָגט "אַ סך" איז דאָס ניט קיין "שיעור".

דערנאָך איז דאָ דער צווייטער ענין, ווי ער (איז דערנאָך מסיים) זאָגט די דריטע ברכה: ס׳איז דאָ "כחול הים וככוכבי השמים", און דערנאָך איז דאָ "אשר לא יספר מרוב" – ס׳איז גאָר ניט שייך מ׳זאָל דאָס ציילן, דערפאַר וואָס דאָס איז "רוב" – דאָס איז העכער פון ענין המספר.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.